STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02874

YO, YIDISH

M. Shifris

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שיפריס

יאָ, יידיש

איקוף פארלאג

MOISHE SHIFRIS

יאָ, ייִדיש

(YES, YIDDISH)

שער־בלאַט געצייכנט פֿון משה קיש

Copyright 1975 by Morris Shifris

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND
(YKUF)

Printed in U.S.A.

* *

ביכער פון משה שיפריס

לידער, 1922
ראַכאַמאַ און אַנדערע לידער, 1925
ציגל (דערציילונגען), 1929
מלחמה־טעג (פּאָעמע), 1937
אונטער איין דאַך, 1970
יאַ, יידיש, 1975

פאַר קינדער:
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, 1928
די מאַמע וואָך מיט די זיבן טעג, 1941
פויגל קאַנאַריק און אַנדערע מעשׂות, 1950
4 קעשענע ביכלעך

טעקסט־ביכער:

אַרבעטער שול (אינאיינעם מיט נ. קאַמענעצקי), 1934
מיין בוך (אינאיינעם מיט א. גאָלדבערג), 1939
מיין יידיש בוך, 1945

ביכער איבערגעזעצט פון ענגליש:

דזשאָרדזשיאַ ניגער פון דזשאַן ל. ספּיוואַק
טשילדרען אָוו רעוואָלושאָן פון אַנאַ לואיז סטראָנג
טוירד דעגרי פון עמאַנועל ס. לעווין

עס גייט אַריין אין דרוק:

פון בעלץ קיין ניו־יאָרק (אויטאָביאָגראַפיע)
ערשטער באַנד



צען ביכער

וואַרטן
אויף פאַרלעגער

* * *

זײט מוחל

די שריפט און די ארטאגראפיע, אין דעם בוך, איז נים אויסגעהאלטן, ווײל די לידער זײנען פאטאגראפירט געווארן פון פארשײדענע אויסגאבן.

די קנאה צו די שײן־ארויסגעגעבענע ענגלישע ביכער, האט געוועקט אין מיר דעם חשק, אז איך זאל זיך באמיען ארויס־צו גיבן מײנע ביכער, אז זײ זאלן זײן אויך צו־ציענדיג פארן אויג.

אבער צוליב די הויכע פרײזן אויף דרוקן און בינדן די ביכער, און צוליב דער פארקלענערטער צאל לײענער, און זיך נים וועלנדיק אונטערגיבן דעם דרוק אויפצוהערן ארויסגיבן ביכער־מוז איך זיך באגנוגענען מיט ארויסגיבן דעם בוך נים לויט מײן געשמאק, נאר לויט מײנע מעגלעכקײטן.

אנשטאט אנצושטעלן א פאכמאן, און ספעציעל, א קינסטלער פאר דער אפטײלונג „פײגן און באקסער", האב איך אלײן געקליבן און צוגעפאסט און אויסגשטעלט

די צײכענונגען׳ אויסגעשניטן ווערטער און שורות, און ארײנגעפאסט אנדערע ווערטער און אפילו אותיות.

געווען א קאטערזשנע ארבעט. —
אבער מיט מײן מי האב איך דערמעגלעכט ארויסצוברענגען־נאך א אידיש בוך...

משה שיפריס

משה שיפרים

געווידמעט צו מיינע אייניקלעך
דזשיל־איירין און דוד
Dedicated to my Grandchildren:
Gill-Irene and David

אינהאַלט

און װען אפילו־8
װאו איז ערגעץ מענדעלעס קליאטשע־9
ס'זינגט זיך א ליד־11
א מעוברתה פרוי־13
א נאכט־ א קאשמאר־14
רײד... רײד... רײד... 16
נעכטן... הײנט... מארגן... 19
דער חולה בעט לעבן־22
דער חולה זוכט לעבן־23
איך װעל זיך ניט אונטערגיבן־24
אז די זון גײט אויף... 26
א זוניקער טאג־27
נעכטן־הײנט־28
הארבסט־28
א פויגל אויף א בוים־29
א בלוטיק שפיל־30
אין שקיעה־פלאמען־31
װער ס'בויט א הײם... 32
דער פארנאכט ברענט... 33
דער ים בײם מײנע פיס־34
א ביטערער הארבסט געװען־36
סארא װאונדערלעך־נאכטיק בלוי־36
טוליפּן־37
א סענטש... 39
די װעװערקעס... 39
אין פײער פון געטא־40
יעדער טאג א יארצײט־42
נאכט היל מיך אײן... 44
אין די הויכן־45
ס'װערט געבוירן א ליד־64
דער פרילינג קומט־47
די װעלט אן א ליד־48

איך האב געכאפט א שטערן... 49
די הימלען זיינען העכער־50
מיר זיינען איין משפחה־51
ביים בעט פון פאעט קיין אין בלימל־52
בלייבן בלייבט־54
ס'איז גוט אויף עפעס צו ווארטן... 55
טעג אין געיעג־56
אנאקעטער בויגן פאפיר... 57
פערזון־ 58
אייזיק ראבאי־59
דאס מויערקעפל־61
א טרער־63

פייגן און באקסער

כ' האב זיך פארבענקט־64
דריי בעלעמער חכמים־65
מיט א דזשעט־עראפלאן קיין וויעטנאם־65
ווער?־66
דאס ליד פון די זיבעציק חכמים־67
יאנקל קומט פון דארף אין שטאט־68
אלע וואוינען ערגעץ־68
אויפן הימל־69
צען פינגער־69
מיסעס מינדל־70
איינס און צוויי־71
דער זומער איז געקומען־72
איך קאן שוין־72
די קאץ מיט די קעצעלעך־73
יאנקל באנקל־70
קינדער זיינען קלוגער־74
ביים ים־75
מיין זונעלע־76
אז מען וויל־75
א הונט אויף א פערד־77
האט מיין טאטע אקסן־77

און ווען אפילו...

...און ווען אפילו
ס'זאל פארשוואונדן ווערן
דער לעצטער אידיש־לייענער,
און אויף קיין אידיש בוך,
זאל ניט פרעגן קיינער —
וועל איך ניט אויפהערן
מיין אידיש ליד צו זינגען.

מיט אלע מיינע רמ"ח אברים
וועל איך דאס אידיש ווארט צעקלינגען,
איבער וועלדער,
איבער פעלזן,
איבער הויכן,
איבער טאלן.

זומער וועל איך זינגען
צו די טייכן רוישיגע.
ווינטער צו די בערג מיט שניי־היטלען,
צו די ביימער אין שניי־קיטלען.

פייגל וועלן אויפכאפן מיין געזאנג,
בערג וועלן טראגן די עכאס אין די ווייטן,
ערגעץ וועט א אידיש אויער,
אן אפגעריסן בלעטל פון מיין פאלק,
בלייבן שטיין פארגאפט
און איינזאפן דעם קלאנג
און ווייטער טראגן מיין אידיש געזאנג...

אפריל 1972

וואו איז ערגעץ
מענדעלעס קליאַטשע

אויף וועלכע וועגן וואַנדערט איצט אַרום
מענדעלעס קליאַטשע מיט דער בויד,
פול מיט יידישע ספרים?

אַז חרוב זיינען אַלע יידישע שטעטלעך,
פאַרוואַקסן מיט דערנער די געסלעך
און עס וויינען די מצבות אויף די קברים.

צי אפשר איז די קליאַטשע אין גן־עדן,
(זי האָט זיך עס כשר פאַרדינט)
און הערט זיך איין מיט אויפגעשטעלטע אויערן
ווי מענדעלע זיינע גלופסקער מעשיות שפינט
פאַר די נשמות הייליקע,
וואָס זיינען אומגעקומען פאַר דער צייט?
אויף שלום עליכמס פנים טליעט צער
און פרצעס אויגן מיט בענקשאַפט מעסטן די ווייט...

די זון, די פלאַמיקע איז איצט אַ טייך,
פון ברויזנדיק, זודיק בלוט —
אַ רויטער טייך.
דער הימל — אַ חופה איבער חתן־כלה מאַסן־קברים.

ליידיקע וויגעלעך, פאַרוויגן זיך אַליין איי־ליו, ליו,
ליו.
דאָס ציגעלע, דאָס ווייסע, מיט רויטע פלעקן
וועט שוין קיינמאָל ניט געפינען קיין רו.

דער הימל איז פאַרחושכט פון רויך,
אַרויסגעשפיגן פון קוימענס
פון טויט־פאַבריקן.

די בלומען, די רויזן,
שמעקן מיט שרעקן פון טויט,
און ווילן זיך אַליין דערשטיקן.

עס זיצן די אבות
מענדעלע, שלום עליכם און פרץ,
די שטערן מיט קנייטשן פול חכמה,

די אויגן אין טיפן צער:
וואָס וועט ווערן פון אונדזער פאַרמעגן?
וואו איז דער יורש פון אונדזער אוצר,
געלייטערט אין פיין און אין פייער?

צי אפשר איז די קליאַטשע אַוועק אין גלות
מיט פרצעס פוילישע יידן,
געראַטעוועטע פון נאַצישן גיהינום,
וואָס האָט מיליאָנען לעבנס פאַרלענדט —
מיט דער שארית הפליטה
אין וואַנדער ערגעץ אין דער פרעמד?

און אפשר שלעפט זיך די קליאַטשע
מיט דער בויד יידישע ספרים
איבער די בערג פון יהודה, אָדער אין גליל,
איבער יידישע קאָלאָניעס, קיבוצים
פאַר פיינטלעכע קוילן אַ ציל?

ערגעץ וואו וועט אויפלויכטן אַ פייערל
און פאַרבעטן מענדעלעס קליאַטשע:
גענוג שוין געוואַנדערט. אָט־דאָ איז דיין היים.
און פינגער גיריקע וועלן צערטלען, מישן די בלעטער
פון די פאַריתומטע ספרים אין בויד
און אויגן דורשטיקע וועלן שעפּן חכמה פון ירושה־
קוואַל
און מאַמע־לשון יידיש וועט זיך צעבליען
ווי ביי אַ פרישן קוואַל — אַ ברייט־צעצווייגטער
ווערבע־בוים.

יאַנואַר, 1970, פּאַרק רידזוש.

ס׳זינגט זיך אַ ליד...

ביים בלויען ליכט פון גאַסן־לאָמפּ,
אויף אַ ראָג פון סעקאָנד עוועניו,
שטייט אַ בחורל,
אַן אויסגעבלאָסטס,
מיט הונגעריקע אויגן,
און פיבערט אַ ליד.
מיט ווערטער אויף באַרעגנטן פּאַפּיר
פּרואווט ער אַ חלום מאָלן...
זיינע זשעדנע אויגן שלינגען די געבעקסן
אין די שוי־פענצטער פון די עסערייען.
זיין מאָגן לעכצט נאָך פּוטער מיט זעמל,
נאָר אַ שורה פון אַ ליד
ברענגט אים מער פרייד,
און אַ פערז הויבט אים ווי אויף פליגל,
צו די בלויע הויכן פון דעם הימל...

ס׳טריפט אַ רעגנדל
מיט נאָדלען שטעכיקע.
זיין אויסגעריבענער מאַנטל
קאָן ניט אָפּשטעלן דעם קאַלטן ציטער
ווי אַ פעדער קאָן ניט אָפּשטעלן אַ געוויטער.
זיינע אויגן זעען ניט דעם כמורנעם טאָג.

מענטשן יאָגן פאַרביי
און מעסטן אים מיט מאָדנע בליקן...

ער פאַרלאָזט דעם גאַסן־לאָמפּ —
זיין גילדענעם טראָן,
ער שפּאַנט איבער זוניקע בריקן,
ס׳זינגט זיך אַ ליד,
ער טראָגט זיך אין הויכן,
אין די ווייטן. — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

אוי, כ׳האָב דאָך דיך גלייך דערקענט,
דאָס ביזטו דאָך,
משה שלמה, שוחטס,
מיט די בעלצער בלאָטעס נאָך אויף דיינע שיך.
דאַכט זיך נעכטן ערשט,
אוי, ווי עס גאַלאָפּירן די יאָרן,
אַזוי גיך, אוי, ווי גיך.

שוין אַ יאָר פּופּציק
מיט אַ שמיטשיק אַוועק
און איך צאַפּל נאָך אַלץ
ביים באַשאַף פון אַ ליד,
ביים געבוירן פון אַ פערז.

איך בין פון יענעם בחורל
ווייט ניט אַוועק.
איך בין נאָך אַלץ פאַרגאַפּט
פון וואונדער פון באַשאַף.

אַ מעוברתע פרוי

אַ מעוברתע פרוי
איז ווי אַן אויפגעאַקערט שטיקל ערד
מיט אויסגעשפּראָצטער זריעה,
וואָס אָטעמט מיט געבוירן,
וואָס רייסט זיך צו דער זון,
צום לעבן,
און צאַפּלט מיט באַשאַף,
ווי די אויפגעשוועלטע קנאָספּ
אויף דער צווייג פון בוים.
דו הערסט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם
ווי דאָס לעבן גייט־אויף
ווי די ראָשטשענע פון שבתדיקער חלה,
אין דער מאַמעס מולטער,
פרייטיק פאַרטאָג,
לכבוד דעם געבוירן
פון אַ נייעם טאָג,
דעם פרייאיקן, פריידיקן שבת.
קאָנסט הערן דאָס פאָכן פון מלאכים־פליגל
אַרום אַ מעוברתער פרוי,
זיי שוועבן אַרום פאַרגאַפט
פון גרויסן וואונדער פון באַשאַף.

טויט איז טייל פון לעבן
וואָס איז אונדז געגעבן.
ווען אַ מענטש ווערט געבוירן
ליגט אויף אים אַ בערגל מאַמע־בויך.
ווען אַ מענטש שטאַרבט
ליגט אויף אים אַ בערגל מאַמע־ערד.
גלייך פון זיין געבוירן
איז זיין לעבן באַשווערט.
פאַר וואָס איז אים אַזוי באַשערט?

אַ נאַכט — אַ קאָשמאַר

די נאַכט איז שטיל.
די ערד איז רואיק.
זי אָטעמט ריטמיש
און בענקט אַוועק די מינוטן
נאָך די נעכטנס —

ביי אײן ווייטן נעכטן

פאַרהאַלט זיך דאָס טראַכטן —
אַ שטילע נאַכט, ווי היינט.
נאָר אין דער שטילקייט
איז אַ געשאָרך,
אַ גערירֿ,
אויף בייכער, ווי ווערעם
קריכן, שאַרן זיך
יינגלעך־זעלנער,
מיט טיאכקענדיקע הערצער,
טאַטעס־זעלנער
מיט פיין אין די אויגן.
...עס בליצן אויף פייערלעך
ווי פייער־פליגן
זיי צעלויכטן זיך, צעשפריצן זיך,
צעפליען זיך אין די הויכן.
פייערלעך לויפן אויף צוריק,
קרייצן זיך, מיידן זיך אויס,
עס צעפלאַקערט זיך דער הימל,
עס פלאַקערן אַלע הימלען.
זיי פלאַצן, די הימלען.
עס פלייצט פון זיי אַ פייער צו דער ערד.
די ערד איז פלאַקער־פייער.

עס כאָרכלען העלדזער,
זיי וואַרגן זיך פון בלוט.
עס וויינען העלדזער, בעטן הילף,
מיילער שימפן, שעלטן,
שפייען קללות.

ייִנגלעך־זעלנער רופן:
— מאַמע, מאַמע!
ליפּן, שיפּן, שעפּטשען, בעטן:
— העלף, אָ, גאָט!
די נאַכט ברענט
פון דער ערד ביז צום הימל.
פייער פאַרלענדט די נאַכט
וואָס ליגט פאַרשמאַכט
אין פּיין און וויי,
די ערד קאָן ניט פאַרטראָגן דעם שווערן יאָך,
די ערד וואַרגט זיך,
טרענקט זיך אין טייכן בלוט,
דאָס לייב איז צעוואונדיקט,
צעגליט פון שטעכיקע שפּיזן.
...די ערד גיט זיך אַ טרייסל,
אַזאַ נעכטן איז שווער צו פאַרגעסן...

1970

רייד... רייד... רייד...

מענטש האָט געשאַפן לשונות —
ב ר י ק ן
אויסצוקלאָרן געדאַנקען,
טראַכטענישן, חלומות —
צו דערנענטערן וועלטן.
זאָל איינער פאַרשטיין דעם
צווייטן,
זאָלן ברידערלעך זיך פאַרחברן
הענט
און שלום ושלווה
וועט רוען אין זייערע געצעלטן.

דאָס שלעכטס פון דעם מענטש,
דאָס אומרואיקע יעגער-בלוט
פון ווילדן בראשית,
פון רויען פאַרצייטן,
פון די קינ׳ס מיט בלוטיקע הענט,
האָט צעמישט די לשונות, זיי
צעבויטעט —
פון בריקן געוואָרן זיינען צוימען,
הויכע באַפאַנצערטע ווענט.

פון לשונות געוואָרן זיינען
רייד, רייד, רייד,
ווערטער, ווערטער, ווערטער,
ווי דאָס קלאַפעריי פון ליידיקע
פעסער,
ווי דער האָגל אויף דעכער,
ווי בליצנדיקע, שאַרפע מעסער...

דיפּלאָמאַטן, דעמאַגאָגן
זשאָנגלירן מיט רייד,
שווערע, ווי הייסער בליי,
מיט בליציקער שנעלקייט
צו פאַרדעקן זייערע פינצטערע
מחשבות
מיט ווערטער ווייסע ווי שניי...

זיי וויקלען זיך אין רייד,
ווי אין פּאָנעז,
און בויען פאַר זיך גילדענע
טראָנען.

עס קלאַפּן זייערע צינגער
ווי אויף פּויקן
פּוסטע, הפקרדיקע פינגער.
ניטאָ קיין ענטפער,
קיין באַשייד.
נאָר
רייד,
רייד,
רייד.
וואָס מער ווערטער,
מער פאַרבלענדעניש.
יאָ און ניין,
יושר און גזילה,
אמת און שקר —
אַ גיפטיק געמיש.

דאָרט וואו ליבע הויזט,
דאָרט וואו פריינטשאַפט,
אמת און יושר
קוועלט פון דער טיף —
שווימט דאָס לעבן
ווי אויף אַ זיכערער שיף.

ניטאָ קיין ווערטער...
ניט נויטיק.
מע פאַרשטייט זיך אויפן וואונק,
אויפן בליק.
אויגן רעדן מיט פונקען פייער,
מיט טיפן טרויער, זיי
מאַניען,
צערטלען,
גלעטן.

אַ האַנט־באַריר,
אַ לייכטער שמייכל,
ווי אַ מילד פרילינג־ווינטל,
וואָס רירט קוים אָן די ביימער־
בלעטער,
מוטיקט,
מונטערט,
דערפרייט,
צעשטראַלט·

אַ לעבן פון פאַרביקע חלומות,
מאָרגנס זוניקע,
מיט רעגנבויגן־וועגן,
וואָס פירן אין די ווייטן...

דאָס וואַרעמקייט
וואָס שטראַלט

פון דער טיפעניש —
שטראַלט אַרויס פון די אויגן
און פליט אין די הויכן
שנעלער ווי פייל פון בויגן.
דאָס לעבן ווערט דערהויבן...

מאַי 28, 1970, פאַרק רידזש, ניו דזשוירזי

נעכטן . . . היינט . . . מאָרגן . . .

1. נ ע כ ט ן

נעכטן איז אַוועק.
ניטאָ.
און ניט שמשון הגיבור
און ניט דער שטאַרקסטער מאַגנעט,
און ניט דער גרעסטער חכם,
און ניט דער גרעסטער פילאָסאָף
קאָנען אים שלעפּן צוריק,
אפילו אויף א י י ן אויגנבליק.
אַוועק נעכטן.
ניטאָ.

ניט געלאָזט אַפילו קיין איין סעקונדע
פון זיינע פיר־און־צוואַנציק שעה.
דער שטאַרקסטער ווילן,
דאָס וויטיקדיקסטע בענקען,
די הייסטסטע טרערן,
דאָס שטאַרקסטע געבעט —
ס'אַרויסגעוואָרפענע רייד.
נעכטן וועט דיר
אפילו קיין איין סעקונדע ניט שענקען.
די אייביקייט האָט אַלץ פאַרשלונגען,
און וועסט אים ניט אַרויסרייסן
מיט די שטאַרקסטע צוואַנגען.
פאַרגעס נעכטן.
נעם־אויף היינט
מיט ברויט און מיט זאַלץ.
היינט איז אַלץ.

2. היינט

היינט
לייכט מיט אַלע חנען פון לעבן.
פֿאַרשעם ניט די שעהן,
די מינוטן.
פֿאַרשאַר דעם טרויער.
נעם־אויף וואָס ער ברענגט צו דיין שוועל
מיט פֿאַרגאַפונג,
מיט אויגן ליכטיק־העל,
אַלץ צום גוטן.
אַלע יאָען,
אַלע ניינען,
אַלע פֿריידן
און געוויינען —
זאָלסט דעם היינט ניט פֿאַרשעמען

3. מ אָ ר ג ן

מאָרגן
וואַרט
אויף יענער זייט נאַכט,
ביי דער שוועל פון דער וועלט.
אפשר וועט איר זיך באַגעגענען
און אפשר
נ י י ן.
זאָרגן?
ניט כדאי.
זיי ווי דער פויגל
פריי...

יוני 29, 1971, הילסדעיל, ניו־דזשוירזי.

דער חולה בעט לעבן

דאָס בעט איז אָפּגעצויגן ווייס.
דעם קראַנקנס פּנים איז בלייך.
זיינע בליקן אויפן פענצטער,
קוקן אויפן שטיקל הימל אין דער הייך.

קיין הימל איז דאָרט גאָר ניטאָ,
ס'איז דער נאַכטס אַ שטיקל בלויקייט;
ס'האָט דאָס שטיקל הימל אויסגעחלומט
פונעם טאָג די גרויקייט.

דאָס בעט איז גליאיק ווי פריסיק.
דעם חולה'ס נאָז איז שאַרף און בלייך.
זיינע בליקן אויף דער סטעליע
קוקן אויף דעם וואַסערפאַל אין דער הייך.

קיין וואַסערפאַל איז דאָרט גאָר ניטאָ,
ס'איז דער סטעליעס וויגנדיק ווייס,
ס'האָט דעם וואַסערפאַל אויסגעחלומט
זיין הייסער שטערן אונטערן פוכיר מיט אייז.

דער קראַנקער אָטעמט שווער,
זיינע ליפּן הייס און טרוקן
מורמלען: ל־ע־ב־ן, ס'וויל זיך אַ־זוי ל־ע־ב־ן...
און אויף דער שיינקייט פון דער וועלט ניט
אויפהערן קוקן...

דער חולה זוכט לעבן...

דער חולה עפנט די אויגן נאָך דער אָפּעראַציע.
זיינע בליקן זוכן דורכן פענצטער דעם דרויסן.
זיי שלאָגן זיך אָן אין אַ ציגלענער וואַנט —
ניטאָ קיין מענטשן, ניטאָ קיין גאַסן.

די בליקן דראַפּען זיך אַרויף אויף דער וואַנט
מיט בענקשאַפט צו די הימלשע הויכן —
נאָר ס'זעט זיך ניט קיין סוף,

זיי קאָנען די הימלען ניט דערגרייכן.

ווערט אומעטיק דעם חולה אין דער אַליינקייט,
ער וויל זיך באַהעפטן מיטן לעבן.
ער בענקט נאָך מענטשן און גאַסן,
און פייגל אין די הויכן שוועבן.

מיטאַמאָל באַפאַלט אַ שאָטן דאָס ווינקל
פון דער וואַנט דער בלינדער.
אַ שטורעם קומט־אָן און צעוויכערט די האַרבסטיקע
בלעטער,
זיי הייבן־אָן שפּרינגען און לויפן —
אַ טאַנץ פון שטיפערישע קינדער.

די גאָלדענע בלעטער, די האַרבסטיקע,
זיי הייבן זיך העכער אַרויף אויף דער וואַנט,
זיי פאַלן אַראָפּ און הייבן זיך אויף.
און אַלעמאָל העכער און העכער...
דאָס האַרץ פון חולה שפּרינגט־מיט מיט זיי
צו די בלויע הויכן אַרויף —
איבער ווענט און איבער דעכער...

איך וועל זיך ניט אונטערגעבן

(פ. נאָוויק'ן — צו זיינע אַכציק יאָר.

ניין, איך וועל זיך ניט אונטערגעבן,
אין מיינע מחשבות.
איך וועל זיך קלאַמערן אין בטחון
ווי ס'האָבן געטאָן מיינע אבות.

איך וויים, אַז קיין גייט נאָך אַלץ אַרום
איבער דעם פּנים פון דער ערד,
ווי אין אָנהייב פון וועלט-באַשאַף,
מיט פויסט, מיט שטיין, מיט שווערד.

קין'ס מאַסקעס: טיטוס, המן, טאָרקוועמאַדע,
היטלער און אַנדערע שוואַרץ יאָר.
זיין שנאה, זיין קנאה, זיין צאָרן
האָט זיך ניט געביטן אויף אַ האָר.

איך וויים, עס הערן ניט אויף
די ביטערע געפעכטן.
פאָלק שטייט-אויף קעגן פאָלק,
ברודער קעגן ברודער —
זיי ממיתן זיך און שעכטן.

עס טרענקט די וועלט זיך אין בלוט,
אין ימען זודיקע טרערן.
שלעכטס איז גובר גוטס.
די וועלט וועט, דאַכט זיך,
קיינמאָל שוין ניט בעסער ווערן.

אָבער — מען טאָר ניט זאָגן:
אַזוי איז געווען, און אַזוי וועט זיין.
איך הער דאָס אָנקום פון אַ נייעם טאָג,
און וואָס געווען וועט מער ניט זיין.

איך גלויב, אַז קומען וועט דער טאָג
ווען ק י ן וועט פאַרשווינדן פונעם פנים פון דער ערד,
און צעשמעטערט וועלן ליגן
די ביקס און די שווערד.

ניין, איך וועל זיך ניט אונטערגעבן
אין מיינע מחשבות.
איך וועל זיך קלאַמערן אין בטחון,
ווי ס'האָבן געטאָן מיינע אבות.

דעצעמבער, 1971, הילסדעיל, ניו־דזשוירזי.

אַז די זון גייט אויף . . .

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער ארבעט)

אַז די זון גייט אויף
עפּענען זיך מיליאָנען אויגן אויף
און זאַפּן איין דאָס ליכט פון טאָג.
מאַשינען לאָזן זיך אין גאַנג.
דאָס לעבן — אַ קאַקאַפאָניש געזאַנג.

לעבן און טויט אויף דער וואָג

דער טאָג גייט מיט זיגזאַגישע טריט.
געפאַר לויערט אויף יעדן שריט.
קאָנווייערס יאָגן באַשאַף פון מענטשלעכער מי.
אויף וואָל־סטריט־בירזשע, אַקציעס הייבן זיך, פאַלן,
לאַסטאָטאָס פול מיט שפּע, שלינגען מיילן
אויף די ברייטע שליאַכן, בייטאָג, ביינאַכט, אין דער
פרי.

עראָפּלאַנען רוישן דורך די וואָלקנס צו די הימלען.
באַנען מיט האָב און גוטס אויף מיילן רעלסן טומלען
בייכיקע שיפן אויף די ימים מיט זעט געלאָדן.
מילן מאָלן מעל פאַר זעמל און ברויט.
פאַר די אָרעמע — הונגער, נויט.
פאַר די זאַטע — ווייַן און פלאָדן.

הונדערט גאָרנדיקע הימל־קראַצערס שפּיזלען
חוצפהדיק די הויכן.
ווי גיגאַנטישע וויב־פייגל, ווילן זיי אַלץ פאַרכאַפן,
אַלץ דערגרייכן.
זיי רויבן פון פאָלק דאָס ליכט, דאָס הימל־בלוי.
אַרום — די „סלאַמס" — צעפרעסן פון הונגעריקע
ראַצן.
קינדער מיט געשוואָלענע בייכער אויף צעפוילטע
מאַטראַצן.
ס'איז זיכער ווי דער אמת - - שטענדיק וועט ניט
זיין אַזוי.

יוני, 1972.

אַ זוניקער טאָג . . .

די זון האָט געשפרייט
גין־גאָלדינע שטראַלן
אויף מיילן און מיילן

די פרייד האָט געשפרייט זיך
אויף בוימער און פלאַנצן,
אויף מענטשן, אין גאַנג — ווי צום טאַנצן.

צוויי וועווריקעס אין געיעג —
אַ געפלאַפל, אַ גערייד —
אַ פאָרל — פאַרליבט, פאַרשיכורט פון פרייד.

אַ געלויף איבער גראָזן און בוימער —
פון וואַרצל ביז די קרוינעו,

און אַדונטער צוריק אויף רחבות פון פליינען

אַ זוניקער טאָג קאָן אויפטאָן וואונדער.
ס'איז קיינער ניט עלנט, קיינער אַליין
אפילו דאָס לשון פון וועווריק קאָן יעדער
פאַרשטיין ...

נעכטן־היינט

נעכטן האָב איך דעם מענטש ניט געקענט.
נעכטן איז ער מיר געווען אינגאַנצן פרעמד

היינט האָב איך פון אים געהערט ווערטער פון אַ
ייִדיש ליד
און פרעמד איז ער שוין מער מיר ניט.
זיין ליבע צום ייִדישן וואָרט
האָט אין מיין האַרץ געפונען אַן אָרט.

האַרבסט

אינמיטן האַרבסט
האָבן זיך צעזונגען
מיינע פרילינג־לידער.
צעטריבן די האַרבסט־כמאַרעס —
מחשבות טונקעלע,
זוניקע געזאַנגען הערן זיך שוין ווידער.

אַ פויגל אויף אַ בוים

אַ פויגל אויפן קרוין־שפּיץ פון אַ בוים,
קוקט אין טיפעניש פון וייטן רוים.

וואָס־זשע טראַכט אַ פרייער פויגל ?
פון זיינע יאָרן אין אַ תפיסה־שטייגל ?

צי פון זיין נעסט, צעשטערט פון שטורעם ?
אָדער פון אַ גרויסן, פעטן וואָרעם ?

איז ער פאַרגאַפט, דערשטוינט
פון פאַרבן־רייכן האָריזאָנט ?

איז ער פאַרכישופט פון וואונדערלעכן זון־פאַרגאַנג
און קען זיין שטים ניט אויפהויבן אין געזאַנג ?

אַ פויגל אין די הויכן, אַליין
ווער קען פאַרשטיין ?...

א בלוטיקע שפּיל

אַ שווערער הימל לויערט איבערן דערפל.
די נאַכט ליגט פאַרטייעט, שטיל.
פון אונטער דער וועראַנדע זעגט
דאָס גרילציק געזאַנג פון גריל.

עס סקריפּען די וויג־שטולן
פון אַלטע פאַרמער־פּאָרן.
דורך זייער געדעכענישן
וואַנדערן די אַנטרונענע יאָרן.

איבער דער מידקייט פון טאָגיגער פּראַצע —
די זאָרג פון די זין אין וויעטנאַם.
אַמאָל קומט אַ בריוו פון ווייטן לאַנד
„ווי פילסטו „פּאַפּ”? זאָרג ניט „מאַם”.

אַוודאי איז גוט אַ בריוול פון דאָרט,
נאָר די שריפט איז עפּעס פרעמד.
אָ, לאָרד, זאָל ער כאָטש קומען אַ גאַנצער,
ניט מיט ליידיקע אַרבל פון העמד.

ערגער איז ביים שכן מעגוויער —
אַ זון, אַן איינציקער, געזונט און שיין —
פאַרשוואונדן אין די זומפּן פון דזשאָנגל,
קיינער ווייס ניט, וואו איז זיין געביין.

עס בייטן זיך די הערשער,
נאָר די מלחמה גייט אָן —
און אַזאַרט־שפּיל ביי זיי
מיט יונגע לעבנס אין קאָן.

סעפּטעמבער 1972

אין שקיעה־פלאַמען...

איך האָב געקוקט פאַרגאַפט
פון די דעכער פון די טענעמענט־
וועגט,
ווי די זון אויפן האָריזאָנט
ברענט אין העליש פייער,
אירע לעצטע מינוטן,
זינקענדיק אין האָדסאָן,
ביז זי ווערט אין אָפּגרונט
פאַרלענדט.

איך האָב געקוקט פאַרכאַפט,
אין די מדבריות פון אָריענט,
ווי די זון צעפלאַמט זיך
אין צעהעלטע גיהנום־פייערן
און זינקט אין שקיעה־פלאַמען,
אין מיטלענדישן ים,
ביז זי ווערט אינגאַנצן פאַרלענדט.

אָט־אַזוי, אין צעשפּרונגענע,
צעטענצלטע,
לעקנדיקע, לאָקנדיקע, פלאַמען־
צונגען
וואָלט איך אויך געוואָלט פאַרגיין,
נאָר מיין ליבע צו מענטשן,
מיין בענקשאַפט נאָך זיי,
איז שטאַרקער פון אַלע
פאַרלאַנגען —
איך וויל ניט בלייבן אַליין.

פעברואַר 22, 1972, הילסדעיל, ניו דזשורזשי

ווער ס׳בויט אַ היים...

ווער ס׳בויט אַ היים
פון ציגל און ליים,
איך האָב געבויט מיין שטיבל,
האָט ניט קיין פאַריבל,
פון חלומות אַלערליי —
פון פאַראַיאָריקן שניי.

די ווענט פון לידער אָנשטאָט ציגל,
זיי וויגן זיך ווי אַ קינדער־וויגל.
מיט מעשיות איז געדעקט דער דאַך,
ווי אַ סוכה מיט סכך.
מיין שטיבל איז באַצירט ניט מיט שפּאַלירן,
נאָר מיט פערזן פון אַלערליי קאָלירן.

פון בענקשאַפט און פיין,
פון שאָטנס און שיין,
פון אומעט און פרייד,
פון אומרו און לייד.

מיין טיר איז אָפן פאַר יעדן איינעם
נאָר איך זע ניט קיינעם...

סעפטעמבער, 1972, הילסדעיל, ניו דזשוירזי.

דער פאַרנאַכט ברענט...

דער פאַרנאַכט ברענט ווי אַ העליש פייער
ביים זוים פון וואַלד,
דאָס רויט פונעם פייער
זײַערט זיך דורך די קרוינען פון די ביימער —
אַ געפלעכט־געפלאָנטער פון צווייגן און
בלעטער —
ווי דורך אַ זיפּ.
די קרוינען ציטערן אין זון־פאַרגאַנג
ווי פרומע יידן אין די פאַרכטיקע טעג
פאַר די סופיקע טעג פון ברוגזן האַרבסט.
דער הימל ביים האָריזאָנט
איז פיבערדיק פאַרפלאַמט.
די זון האַלט זיך מיט די לעצטע כוחות
מיט פינגער־שטראַלן
אויפן ברעג פון הימל־בלוי.
די ביימער פלאַקערן
ווי אין אַ שריפה פון סטויגן שטרוי.
עס שטאַרבט די זון אַזוי.
און נעמט־מיט מיט זיך
פון הימל
דאָס לעצטע ביסל בלוי.

סעפטעמבער, 1972, הילסדעיל, ניו דזשוירזי.

דער ים ביי מיינע פיס

דער ים ביי מיינע פיס,
שטורעמט דעם זאַמדיקן ברעג
מיט ברויזיקן צאָרן,
ווי אַ צעיושעטער אָקס
אין געפעכט מיטן טאָרעאַדאָר.
דער זאַמדיקער ברעג
איז פאַרגליווערט אין שרעק
און קאָן ניט שרייען: געפאַר.

דער ים ביי מיינע פיס
קאָן ניט איינשטילן זיין צאָרן
און סטראַשעט דעם ברעג
מיט אַלערליי געפאַרן.
די נאַכט לויערט איבער דעם ים
ווי די שוואַרץ־שווערע לאַפּע
פון אַ לאַנג־האָריקן בער,
פאַרטויבן פון זיין נאָרע.

דער ים צאַפּלט זיך אין קאָנוואולסיעס,
עס בורעט זיין איינגעווייד.
די שוימיקע כוואַליעס
ווי צעפלאַטערטע פערדישע גריוועס
אויף זייערע שטורעמדיקע רוקנס,
מיט בליאַסקענדיקע פינע־פערל,
וואַרפן זיך מיט אויפברויז און צאָרן
אויף דעם זאַמדיקן ברעג
צו מאַכן פון אים אַן עק.

װאָס בושעװעט אַזױ,
װאָס צאָרנט אַזױ,
דער צעשמורעמטער ים?
צאָרנט ער אויפן ים־ברעג,
װאָס שטייט אים אין װעג,
און לאָזט אים ניט
אויף די כװאַליעס רייטן
צו די װייטע װייטן
און לאָזט אים ניט דערגרייכן
די בלויע הימלשע הויכן?

אַ ים — אַזױ ברייט און טיף —
װעסט זיין האַרץ ניט דערגרייכן
מיט דער שנעלסטער שיף.
אַ ים פול מיט טריליאָנען פיש
אין זיין בלויער טיפעניש
װער קאָן פאַרשטיין זיין טראַכטעניש
בלייבט ער פאַר דער װעלט אַ רעטעניש

אַ ביטערער האַרבסט געווען

אַ ביטערער האַרבסט געווען
מיט כמורנע, פאַרזויערטע הימלען —
אָן אַ טראָפן פון ליכטיקן האָפן.
די אויגן האַלבפאַרמאַכטע, מיד שוין פון זוכן
אין די גרויע, ברוגזע הויכן.
מיט אַ מאָל — אַ פרייד טאַקע נאָר צום גאַפן:

דער פרימאָרגן איז געקומען אַ לויטערער
פון זון אויסגעצוואָגן,
און שפרייט אַ וואַרעמקייט ווי שלום.
אַ געזאַנג פון פויגל שפרייט פרייד
און יעדער איז פאַרטייעט
אין זיין אייביקן חלום.

יאַנואַר, 1973, הילסדעיל. ניו־דזשוירזי.

סאַראַ וואונדערלעך נאַכטיק־בלוי

סאַראַ וואונדערלעך נאַכטיק־בלוי
פאַרכישופט אין אייגענעם טרוים.
באַזעצט מיט ברילי‌אַנטן, דיאַמאַנטן —
אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, פינקלדיקער רוים.

פון דעם הימל שטערן פאַלן,
לאָזן זיך ערגעץ אין פלי
אַ האַנט, אַ פאַרבאָרגענע שפּילט זיך מיט זיי
אַ גאַנצע נאַכט ביז פרי.

אין די פאַלדן פון טאָג
ווערן שיינע חלומות פאַרבאָרגן.
ווילסט אַ שטערן אַ כאַפּ־טאָן פון הימל —
וואַרט אויף דער נאַכט, ניט אויפן מאָרגן.

טוליפּן

טוליפּן,
די ליכטיגע שמייכלדיגע אָנזאָגער
פון דער פרייד פון פרילינג —
די האָפענונג פון מענטש,
פון חיה,
פון פלאַנץ.
דאָס געבעט
פון אַלע ליפּן.

ט ו ל י פּ ן,
שלאַנקע, שטאָלצע שטאַמען,
צאַרט ווי מיידלעך־קינדער.
הויך, פאַרריסן
מיט ווייסע, געלע, רויטע, ראָזע
בעכערלעך פון אויבן —
קעפּלעך ווינקדיגע —
שפּראָציגע פרייד,
ניט פון גאָלד
קינסטלעריש אויסגעשמידט
פון אַ גאָלדשמידט,
ווי מיין טאַטנס קידוש־בעכער,
נאָר פון פלוש־ווייכע בלעטלעך
געענגט אין אַ קרייז —
בעכערלעך אָנגעפילט מיט זון
פ ו ן   פ ר י ל י נ ג ־ פ ר י י ד

טוליפּן
וואָס פאַנגען די אויגן
פון פאַרלעך פאַרליבטע,
פון מענטשן פאַרלאָזטע,
פון מענטשן פאַרבענקטע
מיט יאָרן געשענקטע,
פון היימען געענגטע
מיט קינדער געקרענקטע —

זיי קוקן מיט דאָרשטיקע אויגן
און בעטנדיקע ליפּן
און אַ פּונק פֿון האָפֿן,
אויף דער זוניקער שיינקייט
פֿון ליכטיקן וואונדער פֿון
ט ו ל י פּ ן.

די וואונדערלעכע
מאַניענדיקע
שטאָלצע, שיינע טוליפּן
ברענגען פֿריידיקע גרוסן
פֿון אַ לאַנד אַ ווייטן

מיט שמיינערנע ברוקירטע גאַסן,
מיט פֿרויען מיט ווייסע הייבלען
מיט קראַכמאָלעטע שפּיצן,
אויף זוניק־בלאָנדע האָר,
הויך־שטאַמיקע פֿרויען
מיט הילצערנע שיך
וואָס קליפּ־קלאַפּן אויף די וועגן,
געוואַשן פֿון רעגן.

דער טאַקט פֿון פֿריידיקן גאַנג
וואָס גייט־אויף ווי אַ זוניק־געזאַנג
צום ליכטיקן הימל בלוי
צו דער וואַרעמער זון
אין פֿרימאָרגנדיקן טוי.

טוליפּן, טוליפּן
מיט שמייכלדיקע ליפּן.

די פֿאַרזאָגער פֿון פֿרילינג־זומער
פֿון ליכטיקן לעבן
וואָס אונדז איז געגעבן.

מאַי 1973, הילדסדעיל, ניו דזשוירזי

אַ מענטש . . .

אַ מענטש אָן אַ חלום
איז ווי אַ וועלט אָן שלום,
ווי אַ וועלט אָן ליבע,
ווי אַ היים אָן ביכער,
און וואויל איז די פעלקער
וואָס האָבן ניט
קיין הערשער, קיין שקלאַפן
און זייער פרייהייט איז זיכער.

יאַנואַר, 1973, הילסדעיל, ניו־דזשוירזי.

די וועוורעקעס

אָנהייב ווינטער פאַרגרייט איך שפּייז
פאַר די פייגעלעך די קליינע,
וואָס פליען ניט אַוועק אין לענדער וואַרעמע.
ווען די שנייען און קעלטן הייבן זיך אָן,
יאָגן זיך די וועוורעקעס, די פּיפּיקע
מיט זייערע כיטרע שטיק
און פאַרכאַפּן די שפּייז פון די פייגעלעך אָרעמע.
ס'איז ניט צום פאַרשטיין די חברה וועוורעקעס,
די שטענדיקע לויפערס און פלאַפלערס —
זיי זאַמלען ווילדע ניס, אין לעכער און אין שפּאַלטן,
זיי פאַרגרייטן פאַר דעם בייזן, קאַלטן ווינטער,
נאָר קומען אָן די קעלטן און די שנייען —
געדענקען זיי ניט וואו אַלץ איז באַהאַלטן...

יאַנואַר, 1973, הילסדעיל, ניו־דזשוירזי.

אין פייער פון געטאָ

ציילט ניט די יאָרן פון דער געטאָ.
רוקט ניט אָפּ די געטאָ אויף צוריק —
ערגעץ אין דער ווייט.
ווי אַ נר תמיד
זאָל דער פלאַם
פלאַקערן
אַלע טאָג, אַלע וואָכן, אַלע חדשים —
אין אַלע צייטן,
אין אַלע ווייטן.

יאָרצייט ניט איין מאָל אַ יאָר —
ניט אַן איינציאָריקע דערמאָנונג —
זאָל דער געטאָ פייער פלאַם
אויף קיין רגע אפילו ניט אויסגעלאָשן ווערן.

זאָל יעדע סעקונדע וועקן דעם צאָרן,
זאָל ווי דער געטאָ־פלאַם
ברענען אונדזער האַס
און זאָל עס איינזויגן
יעדעס יידיש קינד וואָס ווערט געבוירן.

זאָל דאָס געטאָ פייער פלאַקערן,
זאָל דער טאָג פון אויפברויז,
זאָל די דערמאָנונג
פון לעצטן יידיש יינגל
פון די אויפשטענדלער,
וואָס פליט, געוויקלט אין דער פלאַקערדיקער פאָן,
ווי אַן אָדלער פון זיין הויך
פון העכסטן גאָרן פון דער באַריקאַדע
אין פלאַקערדיקע פלאַמען
פון די וואַרשעווער געטאָ־חורבות —
זאָל דאָס געדעכעניש
זאָל די דערמאָנונג איינגעקריצט ווערן
אין דער טיפער טיפקייט פון אונדזערע הערצער
און איבערגעגעבן ווערן
פון דור צו דור
לעולם ועד —

ווי א פונק פון דעם געטאָ־פייער
וואָס זאָל אויפהאַלטן דעם פלאַקער,
אויף אייביק און אייביק.
זאָל די דערמאָנונג
פון עופעלעך פאַרלענדטע
לעבן מאַמעס געשענדטע,
פון די צאן קדשים,
פון די פאַרשרפעטע
זקנים און זקנות,
פון די פאַרשוועכטע יידישע טעכטער

פון די טמאים, די נאַצי־שעכטער,
אייביק שרייען אין אונדזערע הערצער
ביי טאָג, ביי נאַכט,
יעדע מינוט פון טאָג.

יעדער טאָג אַ יאָרצייט

יעדער טאָג
אַ קלאָג
אויף אונדזער גרויסן בראָך —
די געטאָס, די באַנעס —
די ווענט פון די געטאָס
האָבן זיך צוזאַמענגערוקט
זעקס מיליאָן יידן צוזאַמענגעדריקט —
נאָר דאָס געשריי איז אויפגעגאַנגען
און אין די הויכן געהאָנגען
און צו דער וועלט ניט דערגרייכט...

די אויערן פון דער וועלט —
טויבע ווענט.
זאָלן ניט די יאָרן
ווערן אַ מחיצה
צווישן אונדז און דער געטאָ.
געטאָ איז נעכטן געווען.
געטאָ איז היינט געשען.
לאָמיר ניט אָפּרוקן די געטאָ
פון זיך...
די געטאָ איז אין אונדזער בלוט
אין אונדזערע געהירן,
אין אונדזער געביין.

די בערג קינדערשע שיכעלעך
די בערג ברילן פון אויסגעטרערטע יידישן אויגן
די בערג האָר פון יידישע מאַמעס
די בערג קליידער
פון אַרבעטער, פעק־טרעגער,
רבנים, קצבים, שניידער און שוסטער,
שרייבער און סטאָליערס —
לערער און שמידן —

זיי זיינען געבליבן, זיי קאָן קיינער ניט אָפּמעקן —
ווי דעם רויך פון די גאַז־קאַמערן —
קאָן קיינער ניט פאַרבלאָזן.

די אַלע שטומע עדות
שרייען נאַכט־געוואַלד: אונדזער בלוט
וועט קיין מאָל ניט פאַרשטומט ווערן!
ווי דער ים וועט קיין מאָל ניט אויסגעטריקנט ווערן...

ניין, ניט פאַרגעסן
ניט פאַרגעבן
אַזוי לאַנג
מיר וועלן לעבן...

אַפּריל 5, 1973

נאַכט, היל מיך איין...

נאַכט, דערבאַרעם זיך אויף מיר.
היל מיך איין אין דיינע פאַלדן.

כ׳האָב געוואַרט אַ גאַנצן טאָג אויף דיר.
שלאָף, קום פאַרמאַך מיר מיינע אויגן,
באַפריי מיך פון טאָגיקן פיין.
עפן פאַר מיר צו רו, די טיר.

איך דאַרף די נאַכטיקע רו
צו קאָנען לעבן אין טאָגיקן אינפּערנאָ,
ווי איוב טראָגן די לאַסט פון ווייען אַזוי פיל,
און ניט קלאָגן אין אַנגסטלעך פיינלעכע שעהן,
וואָס זויגן־אויס די לעצטע כוחות פון מיין געבייך,
און נעמען די פען אין האַנט, און לאַכן פון גיהינום־
פייער שפיל.

נאַכט, היל מיך איין אין דיינע פאַלדן, נאַכטיק־בלוי,
פאַרוויג מיך אין נאַכטיקער רו
ביז ס׳קומט דער אויפלויכט פון מאָרגנשטערן.
ס׳וואַרטן אויף מיר אַ דאָרשטיקע פען און גיריק פאַפיר,
און פערזן פון לידער ניט דערזונגענע.
לאָז מיך פאַרענדיקן מיין געזאַנג. זאָל קיינער מיר ניט
שטערן...

די נאַכט איז געגעבן פאַר רו,
דער טאָג פאַר מי.
איך בין מיד פון טאָגיקן געראַנגל,
לאָז מיך שלאָפן ביז אין דער פרי.
אַפּריל, 1973.

אין די הויכן

דער הימל
ווי אַ יאַרמעלקע אָן אַ קאָפּ,
איז
ליכטיק בלוי
אַזוי,
ווי די פרייד
פון אָנשרייבן אַ ליד,
ליגנדיק אין פעלד
אויף אַ תבואה־סנאָפּ.
דער רחבותדיקער אַרום
איז שטיל,
ווי ווען
ס׳שטעלן זיך אָפּ
די רעדער פון מיל.
דו הערסט יעדן ריר
אַרום דיר
פון אַ בלעטל,
וואָס פאַלט פון אַ בוים
מיט דער ווייכקייט פון שוים,
פון אַ גרעזעלע
וואָס גיט זיך אַ בויג
אונטער אַ פיסל
פון אַ העזעלע.
אַלע שטומע זאַכן
רעדן אויף זייערע שפּראַכן.

דער הימל אין די הויכן
דאָס שוויגעניש פאַרקלערטע
באַרואיקט דיין געמיט
ווי דאָס געזאַנג פון אַ ליד.
אַ פלי פון אַן אָדלער
מיט פליגל צעשפּרייטע,
צעציטערט דיין פרייד
דיין צאַפּל —
דאָס העכסטע דערגרייכן.
פעברואַר, 1973, הילסדעיל, ניו־דזשוירזי

ס'ווערט געבוירן אַ ליד

אַ וואָרט־בליץ,
אַ מעלאָדישער קלאַנג,
אַ ווערטער־פאַרבונד —
דאָס געבורט פון אַ געזאַנג.

שורות לויכט־אויף,
אַ ציטער אין יעדן גליד.
ווערטער אין געלויף —
ס'ווערט געבוירן אַ ליד.

ס'טויכן־אויף בילדער,
פאַרשיידענע געשטאַלטן.
געדאַנקען בליצן־אויף פון דער טיף,
יאָרן לאַנג באַהאַלטן.

אַ ווייט־געשריי פאַר יושר און צדק
אַ האַרץ־צאַפּל פאַר מענטשלעכער פּיין,
גאַרט באַקליידן זיך אין וואָרט,
ריימט זיך צו זוניגער שיין.

ס'ריימט זיך אַ קוואַליג געזאַנג.
ס'האַרץ פון דיכטער אין פיבער־צאַפּל גליט.
אַלע רמ"ח אברים אין ציטער־פלאַטער —
ס'ווערט געבוירן אַ ליד...

פעברואַר 1974

דער פרילינג קומט

מײַנע לאַנגיאָריקע פרײַנט,
די זכריהס

דער פרילינג איז נאָך
אויף יענער זייט גרענעץ
פון דעם ווינטער, דעם בייזן.
די ערד איז פאַרקאָוועט
מיט פאַרפרווירענעם שניי —
קאָן דאָס פנים נית ווייזן.

אויף קליינע אינדזעלעך
שטופן אַרוים די קעפּלעך
לאַנגע, דינע גרעזעלעך,
קוקן פאַרחידושט אויף דער וועלט,
שמייכלען צו דער זון
און ציטערן פון קעלט.

אַזעלכע צאַרטע, ציטערדיקע,
צאַפּלדיקע,
שמאָלע, לאַנגע בלעטעלעך
ציטערן ווי די העזעלעך,
און ליכטיקן מיט גרינס —
זיך דורכגעריסן, דורכגעביסן
דורך פאַרקאָוועטן אייז —
צו אַ לעבן אַ נײַעם...

מאַי, 1972.

די וועלט אָן אַ ליד

די וועלט אָן אַ ליד —
וואָס וואָלט געמיינט?
די וועלט אָן ליבע —
געווען וואָלט פֿאַרשעמט.

ווי אַ גאָרטן אָן אַ שמעטערלינג,
אָן אַ בלום, אָן אַ בין —
יעמען וואָלט זיך וועלן
קומען אַהין?

ווי אַ נאַכטיג־בלויער הימל,
אָן פֿינקלדיגע שטערן,
ווי ביימער אָן נעסטן,
אָן פֿייגל־געזאַנג צו הערן.

אַ וועלט אָן אַ ליד, אָן אמת,
אָן יושר, אָן געוויסן —
הענג־אויף אַ שלאָס
און לאָז זי פֿאַרשליסן.

פֿעברואַר 1974

איך האָב געכאַפּט
אַ שטערן...

איך בין געשטאַנען אַ פֿאַרגאַפֿטער,
און געקוקט אַרויף צום הימל
מיט פֿאַרחידושטע אויגן.
פֿון דער בלויקייט פֿון דער הויכקייט
האָבן געפֿינקלט שטערן ווי פֿייער פֿלעמלעך.
מיטאַמאָל איז אַ שטערן אַראָפּגעפֿלויגן.

איך האָב אַראָפּגעכאַפּט מיין היטל
און געיאָגט זיך נאָך דעם שטערן
און — בוץ — אים שנעל אין היטל געכאַפּט.
אַ ציטער און אַ פֿרייד אין אַלע אברים:
אַזאַ געבענטשטן אוצר אין מיין היטל.
מיין האַרץ האָט ווי אַ פֿויק געקלאַפּט.

אַ פֿרייד איז קיין פֿרייד ניט
אין קעשענע באַהאַלטן, פֿאַר זיך,
און מיט קיינעם זיך ניט טיילן.
האָב איך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ באַפֿרייטן פֿויגל
אין די הויכן, מיין אוצר — דעם ליכטיגן שטערן,
זאָלן אַלע זען, זאָלן אַלע קוועלן.

קינדער האָבן געקוקט פֿון די פֿענצטער
אין בלויקייט פֿון נאַכט
מיט צעעפֿנטע ליכטיגע אויגן,
זיי האָבן געפּאַטשט מיט די הענטלעך
געטאַנצט פֿון גרויס פֿרייד:
„זעט, אַ שטערן איז דורכגעפֿלויגן".

יולי, 1974

די הימלען זיינען העכער

(ביידע ישראל־לידער געווידמעט דער יוגנט פון ישראל
און פון די אַראַבישע לענדער)

מיר שטייען ביידע ביי דער גרענעץ
אָנגעצויגן, אָנגעשטאָלט, מיט ביקסן —
איינער קעגן צווייטן.
אָט דאָס איז דיינס און דאָס איז מיינס
און אונדזערע טריט — אַ שפּאַן ניט פאָראויס —
מיר זיינען באַוואָפנטע סאָלדאַטן.
מיין מאַמע, אין שלאָפלאָזע נעכט,
וויינט אויס איר האַרץ פון בענקשאַפט,
די אויגן קוקט זי אויס אויף מיר.
און דיין מאַמע טוט תפילה ביי דער „וואַנט",
אַז שלום זאָל קומען אין לאַנד
און דו זאָלסט זיך אומקערן צו איר.
די גרענעץ צעטיילט בלויז די ערד,
די פּוסטע, ווילד־באַגראָזטע ערד —
פון באָמבעס פול מיט לעכער.
הויבסט אויף דיינע אויגן צו די הימלען,
די בלויע, די שטערן, די פינקלדיקע —
די גרענעץ איז ניט העכער פון די דעכער.
זאָל פריי זיין פון גרענעץ די ערד,
זאָל פריי זיין דער מענטש פון דער שווערד
ווי פריי עס זיינען די הויכן
וואוהין דאָס אויג קאָן דערגרייכן.

מאַי, 1973.

מיר זײַנען אײן משפּחה

מיר זײַנען פֿון אײן משפּחה,
מיר זײַנען בײדע סעמיטן.
פֿאַרוואָס־זשע די שׂנאה?
און אײנער דעם צװײטן מוז היטן?

מיר האָבן יאָרן לאַנג געלעבט בשלום,
שכנים און פֿרײַנט, װי אײגענע.
איצט שטײען מיר אײנער קעגן צװײטן
מיט װײטיק אין האַרץ, און קעפּ געבױגן.

װער האָט אַ גדר געשטעלט צװישן אונדז?
װער האָט מיך אין אַ לאַגער פֿאַרקלעמט?
אין זאַמדיקן מדבר איך צעפּטר מײנע טעג.
איך שטײ װי אַ יתום אין דער פֿרעמד, פֿאַרשעמט.

עפֿן די טױערן פֿאַר מיר, אַ פֿאַרבענקטער,
שטרעק איך אױס אַ פֿרײַנטלעכע האַנט.
לאָמיר פֿאַרברידערט אַקערן און פֿלאַנצן —
צוזאַמען בױען אונדזער לאַנד.

מאַי, 1973.

ביים בעט פון פּאָעט
קיין איין בלימל

יעדער חולה אין שפּיטאָל
איז פאַרזונקען אין אַ טאָל,
אין זיין אינקוויזיציע־בעט.
ביים טישל דערביי
אַ וואַזע מיט בלומען —
פילפאַרביק צעשמייכלט
זוניק און גלעט.

די בלומען חנדלען זיך,
שפּרייטן גלעטנדיקע,
שמעקנדיקע אַראָמאַטן,
גרוסן פון באַזוניקטע בלומען־בייטן.
נעמען זיי וועלקן —
קומען נייע זיי פאַרבייטן.

די בלומען ברענגען גרוסן
פון קרובים, פון פריינט,
פון אַמאָל און פון היינט,
פון לעבן פון יענער זייט וואַנט
מיט אַ גלעטנדיקער האַנט,
וואָס גיסט אַריין אין חולה
האָפענונג און גלויבן
און וועקט חשק און דאַרשט
ניט איבערצורייסן
דעם פאָדעם פון לעבן
צו האָפן, צו שאַפן.

ביים בעט פון פּאָעט —
קיין בלומען־בוקעטן,
קיין איינציק בלימל אפילו
אויף אַ רפואה

קיין גלעט פון אַן אויג.
ער ליגט אין קאָשמאַר
פּאַרגליווערט ווי אַ סטויג.

דאָס טישל דערביי — נאַקעט, הויל,
קיינער קומט ניט,
קיינער גריסט ניט.
אַ רינג פון אַליינקייט
אַרום בעט
פון פּאָעט.

1973

בלייבן בלייבט...

יעדער וועג
האָט אַ סוף —
דער אַראָפּ
און דער אַרויף.

יעדער וועג
קומט צו אַן ענד.
יעדעס פייער
ווערט פאַרלענדט.

יעדע ריטשקע
לויפט איר וועג.
יעדער טייך
האָט זיין ברעג.

אָנהויב־סוף —
צו וואָס די שרעק?
אַלץ וואָס לעבט —
שטאַרבט אַוועק.

בלייבן בלייבט
אויף אַלע צייטן —
דאָס גוטס פון מענטש —
די גוטע טאָטן.

ס׳איז גוט אויף עפּעס צו וואַרטן...

אַ מענטש דאַרף שטענדיק האָפן.
אַ מענטש דאַרף האָבן בטחון,
אפילו ווען נויט און פּיין
איז זיין שטענדיקער שכן.

ס׳איז גוט צו וואַרטן אויף עפּעס,
אויף אַ בריוו פון אַ פריינט,
אויף אַן אָנגעלייגטן גאַסט,
אַז מאָרגן וועט זיין בעסער ווי היינט.

ס׳איז גוט צו וואַרטן אויף עפּעס:
אויף אַ ליכטיקן מאָרגן,
אויף אַ פאַרברידערטער וועלט,
אויף אַ לעבן פול פרייד, אָן לאַסט פון זאָרגן.

די בליאונג פון האָפן זאָל קיין מאָל ניט דאַרבן,
דער שטערן פון בטחון זאָל שטענדיק שיינען,
דאָס פלעמל פון גלויבן זאָל שטענדיק זוניקן,
אַז יושר און צדק זאָלן פעלקער באַשיינען.

גיב ניט אויף די האָפענונג,
זאָל שיינען אין דיין האַרץ גלויבן און בטחון.
דאָס קין־געשטאַלט וועט פאַרשווינדן,
שלווה און פרייד וועט זיין דיין שכן.

מאַי, 1974.

טעג אין געיעג

טעג
אין געיעג,
אין לויפנדיקן באַוועג.

ערשט נעכטן געווען מאָרגן,
און היינט שוין נעכטן.
זיי פאַלן, די טעג —
סאָלדאַטן אין געפעכטן.

וואָס איז דאָס געיעג?
וואָס שלינגט איר מייל נאָך מייל?
יאָגן אייך בייטשן אין וועג?
פאַרהאַלט זיך אויף אַ ווייל.

אייער אָנקום איז אַ פרייד.
שטעלט זיך אָפּ. לייגט אַוועק דאָס פעקל.
לאָמיר זיך דערנעענטערן, ווערן היימיש?
פאַרגעסט אין קלימעקל און שטעקל.

וואוהין איילט איר זיך?
וואָס וועט איר פאַרשפּעטיקן?
איך האָב אייך נאָך גוט ניט באַטראַכט
לאָזט מיך מיט אייך זיך אָנזעטיקן.

איך וואָלט זיי נאָכגעלאָפן
און געכאַפּט זיי ביי די פּאָלעס —
עס דינען אָבער ניט די הענט, די פיס
נאָר דאָס האַרץ, דער מוח לאַכן פון עלטער־גלות.

אַ נאַקעטער בויגן פּאַפּיר . . .

אַ נאַקעטער בויגן ווייס פּאַפּיר
מאַניעט מיך, רופט מיך, רייצט מיך,
מייך האַנט ציט זיך צו דער פּען,
ס'וויל זיך אויסגיסן אויף דעם אַ ליד אין דער גיך.

שורות, פּערזן, בליצן־אויף אין מיר
און ווילן זיך אַוועקלייגן אויף דער נאַקעטער ווייסקייט.
די פּען אין האַנט ציטערט, פלאַטערט
מיט גרויס בענקשאַפט ביז בלאַסקייט.

די פּען האַלט זיך אין צאַם
ביז ס'קומען די פּאַסיקע ווערטער און גראַם.
דאָס נאַקעט ווייסע פּאַפּיר איז מיד
און פריידיק פון ערשט געבוירן ליד...

אויגוסט 1974

פערזן

עס חלומען די ביימער אַ האַרבסטיקן חלום.
עס קרייזלט פון וואַלד זיך אַ בלויער פּאַרטאָג.
איבער בלעטער פון קופּער און גאָלד
גייט אויף אַ זון, אַ צעגליטע,
באַגריסט דעם אָנקום פון טאָג...

**
*

גרין זיינען מיינע אויגן
ווי די לאָנקע קעגן פענצטער.
דאָס גרינקייט פון די שטאָלצע ביימער־קרוינען
פאַלט אין דער לויטערער טיפקייט פון וואַסער,
ווען די זון שפּעריַרט אויפן טייכל —
איז דער טאָג דער שענסטער.

**
*

חלום חלמתי... אַ מענטש אָן אַ חלום
איז ווי אַן הימל אָן אַ זון.
ווי אַ פעלד אָן אַ גרעזל.
ווי אַ לעבן אָן ליבע.
ווי אַ וועלט אָן שלום.
איז הויבט אויף דאָס גלעזל:
לחיים צו לעבן! צו ליבע! צו שלום!

**
*

דער ים איז תמיד אומרואיק.
די כוואַליעס יאָגן ווי ווילדע פערד.
אויף וועמען צאָרט ער, דער ים?
אויף דער רואיקייט פון דער ערד,
וואָס ריַרט זיך ניט פון אָרט,
און וואַרט שטענדיק ביים פּאָרט?...

אויגוסט 1974

איציק ראַבאָי

מיר זיצן ביי איציק ראַבאָין אין קיך.
ראַבאָי לייענט מיין ערשטע דערציילונג מיט די אויגן.
איך האַלט איין דעם אָטעם און לייען זיינע הויכע
קינבאַקן —
די צייט איז ווי אַ גומי־בענדל אויסגעצויגן.

ביי דעם קיך־טיש מיטן שטענדיק שבתדיקן טישטעך
זיצן מיר. אָט־דאָ שרייבט ראַבאָי זיינע מעשהלעך
און נאָוועלן.
און זיין פרוי מיטן פרומען מאַמע־פּנים גרייט צו
מאַלצייטן —
אָט־דאָ רינט נחתדיק זייער שטיל לעבן, זייערע
פּנימער קוועלן.

זיין פּנים פון זון באַברוינט,
ווי די איבערגעקערטע גרודעס ערד
אונטער דער שאַרף פון אַקער,
געשלעפּט פון ראַבאָיס באַליבטע פערד.

רעדן רעדט ער ווייניק, ראַבאָי,
ער פּיפּקעט די ליולקע.
די אויגן טיף פאַרקלערט.
ער זעט די רחבותדיקע פּרעירי
און די גלייכע שורות איבערגעקערטע ערד —
פּאַרויס שפּאַנען זיינע באַליבטע פערד.

ער זעט ווי עס וויגן זיך
די זאַנגען אויף די פעלדער,
די שפע פון דער רייכער ערד —
אַ שמייכל לויכט אויף זיין פּנים,
די באַלוינונג פון דער שווערער פּראַצע.

פאר אים און זיינע באליבטע פערד

ראַבאַי הייבט אויף צו מיר זיינע אויגן,
זיי שמייכלען איבער די שפּיצן פון זיינע קינבאַקן:
אַזאַ גוטסקייט גיסט זיך פון זיי
ווי דער ריח פון זיין ליולקע טוטין, דעם געשמאַקן.

מיר זיצן ביי ראַבאַין אין קיך
אין ווייסער שלוּוהדיקער שבת־רו.
דאָ שאַפט ראַבאַי זיינע וואונדערלעכע נאָוועלן.
די זון אין פענצטער הערט ניט אויף צו קוועלן...

אויגוסט 1974

דאָס מויערקעפּל

אַ מיידל מיט אַ בלאָנדן צעפּל
האָט מיר געגעבן אַ מויערקעפּל
שענער פון שענסטן עפּל.
אמת, אַ מויערקעפּל קאָן מען ניט עסן,
אָבער די שיינקייט פון אַ מויערקעפּל
קאָן מען קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

פרעגט ניט, כ׳בעט אייך, קיין שאלות,
אַ מויערקעפּל האָט אַלערליי מעלות.
אַ מויערקעפּל זעט אויס
ווי פינגער פאַרדרוקט אין אַ פויסט.
אַז איר לייגט עס צו צום אויער
הערט זיך אַ גרויס גערויש.

ימים שיקן זייערע כוואַליעס
מיט צעשטורעמטן גערויש.
זיי לויפן מיט זילבער גריוועס
אין שנעלן גאַלאָפּ.
אַ לויף פאָרויס
און אויף צוריק אַ כאַפּ.

און ווידער פאָרויס ברויזיק, קרעכציק,
זיי וואַרפן זיך אויף דיר,
זיי קומען־אָן הויך און מעכטיק,
זיי דערציילן פון לענדער וויטע
פון קאַמפן, פון שטרייטן.
אַן אייביק געפעכט
פון גוט און שלעכט.

איך האַלט דאָס מויערקעפּל
וואָס ס'האָט מיר געגעבן
דאָס מיידל מיטן רויטן צעפּל.

רונד און גלאַט ווי אַ מיידלשער אָרעם,
אָבער אינעווייניק — אַ גרויסער שטורעם.
אַ מויערקעפּל איז וואונדער פאַר קינד און גרויס,
דאָס אייביקע כוואַליע־געררויש
שרייט אין דיין אויער:
באַפריי מיך, עפן דאָס טויער...

ווי קאָן א קליין מויערקעפל
האלטן אין תפיסה געפאנגען
צעיושעטע כוואליעס
מיט שטורעמדיקע פארלאנגען?...

אויגוסט, 1974.

א טרער

א טרער איז קליין
ווי א טראפן טוי,
אבער דער ווייטיק
איז שטארק אזוי.

ער קאן דורכשניידן
דעם גרעסטן פעלזן־שטיין,
און ווי א פייער־פלאקער
פרעסן דיין געביין.

א טרער־טראפן
טריפט טיף אין דיין איך,
איז שפיזיק ווי גליאיק בליי
ביז ער פארלענדט אינגאנצן דיך.

נאר א מענטש קאן זיך שטארקן,
גובר זיין גראניט און אייזן,
זיך קעגנשטעלן אלע פיינען־
א מענטש קאן אלץ באווייזן.

דעצעמבער 11, 1974

פ י ג ן א ו ן ב א ק ס ע ר

פאר קליין און גרויס

(איטשען אַ מתנה)

כ'האָב זיך פאַרבענקט...

כ'האָב זיך פאַרבענקט
נאָך אַ יידיש קינדער־ליד,
דאָס חיות גייט מיר אויס,
ווי איך בין אַ ייד.

ס'איז מיר אומעטיק
אָן קינדעריש געלעכטער,
ס'פינקלט פרייד אין זייערע אויגן —
זייער פרייד — אַזאַ עכטע.

— מאַך זיך ניט צום נאַר, משה,
וואָסער יידיש קינד קאָן היינט יידיש?
— וועל איך פאָרן קיין וויליאַמסבורג —
דאָרט איז יידיש ניט קיין חידוש.

מיין פען פליט איבערן פאַפיר,
ווי אַ פערדל איבער פרעירים.
כ'האָב אָנגעשריבן אַ קינדער־ליד,
גלייך צו מיר ווער איז?...

וואָס אַרט מיך ווער ס'וועט לייענען,
אַ חסידל, צי גאָר אַ זיידע מיט אַ באָרד
פאַר אַן איייניקל, אַ צוציק דאָרט?
אַבי ס'זאָל זיך הערן אַ יידיש וואָרט.

דעצעמבער, 1971.

דריי כעלעמער חכמים

דריי כעלעמער חכמים
האָבן זיך געלאָזט אויפֿן ים.
די שיף — אַ מולטער.
דער זעגל פֿון אַ פּאַטשיילע ניט גרעסער.

וואָלט די מולטער געווען שטאַרקער,
דער זעגל בעסער,
וואָלט מיין ליד
געווען אַ סך גרעסער.



דעצעמבער, 1971.

מיט אַ דזשעט-עראָפּלאַן קיין וויעטנאַם

יאַנקל שפּילט זיך
מיט אַ דזשעט-עראָפּלאַן —
ער וויל פֿליען צוריק ברענגען
זיין טאַטן פֿון וויעטנאַם.

דער מאַמעס אויגן זיינען שטענדיק
מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן.
זי בענקט, ווי ער, נאָכן טאַטן —
זיי וואַרטן און האָפֿן.

מאַמע, בעט זיך יאַנקל,
הער אויף וויינען.
אַז איך וועל ווערן גרעסער,
וועל איך אָפּשטעלן די מלחמה,
און די וועלט וועט ווערן בעסער.

דעצעמבער, 1971.

ווער?

ווער צינדט אָן די שטערן
יעדע נאַכט
און לעשט זיי אויס
אין דער פרי?
ווער הענגט אויף
ווי אַ לאַמטערן
די לבנה ביינאַכט
צו באַלויכטן
אַלע וועגן און שטעגן?

ווער שיקט אַראָפּ
אויף די פעלדער
דעם רעגן
עס זאָל וואַקסן ברויט
פון אַלעמענס וועגן?

ווער הענגט אויף די זון
הויך אין הימל
צו געבן לעבן צו אַלץ
וואָס לעבט:
די מענטשן,
די געוויקסן,
די שאָף און די לעמער
און די פרוכט
אויף די ביימער?

ווילסט די ענטפערס —
שנעל און זיכער?
גיי און זוך
אין דיינע ביכער.

דאָס ליד פון די זיבעציק כאַכאָמים

זיצן די אַלטע זיבעציק כאַכאָמים
מיט די לאַנגע שפּיציקע בערד,
אַריינגעשטאָכן טיף אין דר'ערד
און טראַכטן מיט די קלוגע אויגן
און געקאַרבטע שטערנס —
טראַכטן אַרום די וועלט —
פון מיזראָך ביז מאַריוו,
פון דאָרים ביז צאָפן.

די זון גייט אויף.
די זון פאַרגייט.
און די זיבעציק כאַכאָמים זיצן און
טראַכטן
מיט די קלוגע שטערנס —
זיי מעסטן מיט די ווייטע בליקן
די קלוגשאַפטן פון דער וועלט —
אַהין און צוריק
און אַרום און אַרום,
און קענען ניט אויסטראַכטן
און קענען ניט אויסכאַכמענען —
אַ שלאָף־ליד פאַר מיין אינגעלע
וואָס וויל ניט איינשלאָפן —
אַז אַ שלאָף־ליד

יאַנקל קומט פון דאָרף אין שטאָט

יאַנקל איז געקומען פון דאָרף אין שטאָט,
און געקוקט אויף די הויכע הייזער.
ער האָט דערזען אַ זייגער העט-העט הויך
מיט צוויי גרויסע, ליכטיקע ווייזער.

יאַנקל האָט געקלערט און געטראַכט:
צו וואָס דאַרף מען דאָס אַ שטייגער?
מען קאָן דאָך קוקן גלייך אויף דער זון
און וויסן וויפיל ס'האַלט דער זייגער.

אַלע וואוינען ערגעץ.

אין וואַלד וואַקסןביימער.
אין פעלד וואַקסן גראָזן.
אויף ביימער וואוינען פייגל.
אין פעלד וואוינען האָזן.

אין שטאַל וואוינען קי.
אין שטייג וואוינען הינער.
אין שטיבער וואוינען מענטשן
אין בינשטאָק — בינען.



אויפֿן הימל

אויפ'ן הימל
שווימט אַ לבנה
מיט אַ ניט געגאָלטן פּנים.
און די שטערן
ווי סאָלדאַטן
גרייט באַשיצן זי פון שונאים.

אויף דער ערד
האַווקען הינט
העט אַרויף צום הימל.
ניטאָ קיין כוח
גרייכן הויך —
טויג דאָרט ניט דער רימל.

צען פֿינגער

צען פינגער
אויף די הענט.
צען פינגער אויף די פיס.

ווער ס'איז שיין,
איך בין זיס.

זאָגט די באָבע:
זיס ווי האָניק
זאָגט דער זיידע:
זיס ווי צוקער.

זאָגט די מאַמע:
זיס ווי בײדע.

מיסעס מינדל

די ראַבע מיסעס מינדל
איז זייער אָרעם.
זי קוקט זיך אויס די אויגן
אויף אַ פֿעטן וואָרעם.

זי זוכט אַרום אין הויף
ביז זי פֿאַלט אַ מידע,
און חלומט פֿון אַ וואָרעם
פֿאַר אַ ווייכער סעודה.

און — אָט אַ גליק געטראָפֿן —
פֿאַצאַפּעט אַ וואָרעם, אַ גוטן,
אַ פֿעטן,
און — באַין: דער האָן איז דאָ,
און נעמט דאָס בייכל גלעטן.

„אָט אַ פּוסט־און־פּאַסניק,
שטענדיק אויפֿן גרייטן,
אַז ס'קומט צום פּרעס,
לאָזט ער זיך ניט בעטן".

אַזוי טענה'ט מיסעס מינדל
איר טענה די גערעכטע.
און דער גאַליגאַנסקער האָן
קרייט אויף טענער העכסטע.

נאָר אָט באַווייזט זיך
דער פֿאַרמער מיט אַ קענדל,
און גיט אַ כאַפּ דעם וואָרעם
ווי אַ הונט אַ ביינדל.

און לאָזט זיך גלייך צום טייך
מיטן וואָרעם כאַפּן פֿיש,
וועט זיין פֿאַר וועטשערע,
וואָס צו גרייטן צום טיש.

איינס און צוויי

איינס און צוויי
עס פאַלט אַ שניי.
דריי און פיר
פאַרמאַך די טיר.

פינף און זעקס,
עס געבעקס.
זיבן און אַכט
אַ גוטע נאַכט.

ניין און צען
ווער ציילן קען,
איז גוט און וואויל
און איז ניט פויל.



דער זומער איז געקומען

פייגל אויף דיביימער
בינען אויף די בלומען.
איך הער די פייגל זינגען.
איך הער די בינען זשומען.
דער ווינטער איז אַוועק.
דער זומער איז געקומען.



איך קען שוין

איך קען שוין דעם א ב,
און ציילן ביז — אַ סך.
און מאָלן קען איך אויך
אַ הויז מיט אַ דאַך.

איך פאַרבינד מיינע שיך
און פאַרקעם מיינע האָר
און איך ווייס וויפל חדשים
עס איז דאָ אין אַ יאָר

די קאַץ מיט די קעצלעך

עס האָט די ראַבע קאַץ,
אויף אַ גילדערנער טאַץ,
דערלאַנגט אירע קעצלעך
מילך מיט פּלעצלעך.

האָבן קעצלעך זיך געוואַשן
און פון טאַץ גענומען נאַשן.
אָפּגעגעסן און געלאָפן
גלייך אין בעט זיך לייגן שלאָפן.

יאַנקל באַנקל

יאַנקל באַנקל
פּיפּערנאָטער
רייסט דעם עק
ביים שוואַרצן קאָטער.

גיט דער קאָטער
זיך אַ ריס
און צעדראַפּעט
אים די פיס.





קינדער זיינען קלוגער

„מאַמע, איך וויל דיך עפּעס פרעגן.
איך טראַכט און טראַכט
און קאָן עס ניט פאַרשטיין —
צו וואָס דאַרפן מענטשן,
וואָס ליבן מענטשן,
נעמען ביקסן און אין מלחמה גיין?

ס׳גייען אין שלאַכט, אַ שטייגער,
פראַנצויזן קעגן איטאַליענער,
מע רייסט זיך ווי די הענער.
איינער קען אפילו ניט דעם צווייטן,
טראָגט אויף אים ניט קיין תרעומות,
אָבער איינער דעם צווייטן גייט טויטן.

אַ סך קליגער זיינען שוין די קינדער —
אַז זיי שפּילן אין מלחמה,
איז דאָס בלויז אויף קאַטאָוועס,
מע שיסט מיטן מויל: בינג! בענג!
אייניקע פאַלן כלומרשט טויט —
ס׳איז מלחמה אָן דעם מלאך־המוות".

די מאַמע זיצט פאַרטראַכט,
מיט טרערן אין די אויגן
און אַ שמייכל אויפן פּנים.
„מיין קינד, ביזט קלוג ווי דער טאָג!
ווען די גרויסע וואָלטן דאָס פאַרשטאַנען,
וואָלט געווען אוים מלחמה, אוים מיט שׂונאים.
ס׳וואָלט געווען אַ טאָלק.
פאַרברידערט פאָלק מיט פאָלק,
ליבע און שלום — אַ געראָטענער צווילינג,
און אויף דער וועלט — אייביקער פרילינג.

מאַי, 1974.

ביים ים

דער ים איז טיף,
דער הימל הויך.
עס שווימט אַ שיף
און בלאָזט מיט רויך.

די שיף שווימט ווייט
מען זעט זי קוים.
אַ מעווע שרייט —
פֿאַרשווינדט אין רוים.

איך שטיי פֿאַרבענקט
אַליין ביים ברעג,
באַגלייט די שיף
אין ווייטן וועג.

מײַן זונעלע

מײַן אוצר, מײַן זון,
דאַרף ליכט פֿון זון,
פֿרישע עפּעלעך,
רויטע בעקעלעך,
ברויט צו זעט,
אַ קוש, אַ גלעט,
אַ מעשה-ביכל,
אַן אײער-קיכל,

אַ ריין קלייד,
אַ ביסל פֿרייד,
אַ שיינעם הײַנט,
און גוטע פֿרײַנט,
וויניקער זאָרגן,
אַ ליכטיקן מאָרגן.

*   *   *

דאָס טעלערל פֿון הימל
וואָלט איך געגעבן
פֿאַר זײַן געזונט
און גליקלעך לעבן.

אַז מע וויל...

נעם אַ בלײַער
און פּאַפּיר,
קום און זעץ זיך
לעבן מיר.

אַ פּאַסיקל אַהין,
אַ פּאַסיקל אַהער,
איצט — אַ רינגעלע;
ס'איז ניט שווער.

זעמט אַ הויז
און פֿענצטער פֿיר.
אָט איז אַ קוימען
און אָט איז אַ טיר.

אַז מען וויל נאָר,
קאָן מען מאַכן
אַלע גוטע,
שיינע זאַכן.



אַ הונט אויף אַ פערד



פאָרט אַ הונט
אויף אַ פערד
רייטנדיק.
טייטלען אַלע
מיט די פינגער
שפּאָטנדיק.
צי האָט ווער,
ווען געזען,
צי האָט ווער
ווען געהערט,
אַז אַ הונט
זאָל גאָר פאָרן
רייטנדיק אויף אַ פערד.

* * *

ס'איז פון די זאַכן
טאַקע נאָר צום לאַכן.
פאַר אייך גאָר אויסגעטראַכט
צו הערן ווי איר לאַכט...

האָט מײַן טאַטע אָקסן

האָט מיין טאַטע אָקסן
האָבן זיי גרויסע הערנער.
האָט מיין טאַטע אַ גאָרטן,
וואַקסן דאָרטן דערנער.
וויל איך אָקסן נעמען
שרעקן מיך די הערנער.
וויל איך בלומען רייסן
שטעכן מיך די דערנער.

אַ מתנה פאַר אייך און אייערע פריינט

אונטער איין דאַך

פון דעם דיכטער און דערציילער

משה שיפריס

אין דעם פיין געבונדענעם בוך גייען אַריין אַ גרויסע צאָל נייע, און די בעסטע לידער פון אַלע זיינע פריערדיקע ביכער.

אויך לידער מיט גאָטן פאַר די אייניקלעך.

דאָס בוך איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די ליטעראַטור־קריטיקער און די לייענער.

באַזאָרגט זיך גלייך מיט אַ קאָפּיע

רעדוצירט פון 4 דאָלער צו **2** דאָלער

25 סענט פאַר פּאַקן און פּאָסט

שרייבט צו:

SHIFRIS BOOK COMMITTEE

19 Pascack Road

Hillsdale, N. J. 07642